בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א, שבת קודש פרשת דברים, שבת חזון, שנת תשפ"א לפרט קטן, אין שטעטל, קרית ברסלב - ליבערטי יע"א, ביי סעודה שלישית.

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש ברסלב
בלומינג גראוו
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
718-387-2691

www.BreslevCenter.com
צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

קול
ברסלב
212-444-9191

חיזוק פאר די
אידישע שטוב
212-444-9169

גרפיקה עיצוב ועימוד: א.י.ש. אשדוד 05276-27127

## שבת קודש פרשת דברים, שבת חזון, שנת תשפ״א לפרט קטן, ביי סעודה שלישית האט דער ראש ישיבה שליט״א פארגעלערנט ספר הקדוש שיחות הר״ן, סימנים קסג, קסד.

דער ראש ישיבה שליט״א האט עס פארגעלערנט אינעווייניג און הערליך אויסגעטייטשט.

## סימן קסג

זאגט דער הייליגער רבי נתן: ״סִפֵּר לִי אִישׁ אֶחָד מִזְּלַאטִיפָּאלִי״, עס האט מיר דערציילט איינער פון שטאט זְלַאטִיפָּאלִי, ״שֶׁבִּהְיוֹתוֹ יוֹשֵׁב רַבֵּנוּ ז״ל בִּזְלַאטִיפָּאלִי״, אז ווען דער רבי האט געוואוינט אין זְלַאטִיפָּאלִי, ״פַּעַם אַחַת בַּקַּיִץ הִתְפַּלֵּל רַבֵּנוּ ז״ל בַּבֹּקֶר הַשְׁכֵּם״, האט דער רבי איינמאל געדאווענט שחרית זייער פרי, ״וְאַחַר כָּךְ שָׁלַח אֶת בִּתּוֹ הַיַּלְדָּה שָׂרָה תִּחְיֶה וְקָרְאָה אוֹתוֹ״, דערנאך האט דער רבי געשיקט זיין טאכטער זי זאל אים רופן. ״וּבָא לְרַבֵּנוּ ז״ל״, איז ער געקומען צום רבי׳ן, ״וְאָמַר לוֹ רַבֵּנוּ ז״ל לֵךְ עִמִּי לְטַיֵּל״, און דער רבי האט אים געזאגט: ״לאמיר גיין שפאצירן״, ״וְהָלַךְ עִמּוֹ חוּץ לָעִיר וְהָלַךְ בֵּין הָעֲשָׂבִים״, איז ער געגאנגען מיט׳ן רבי׳ן שפאצירן אויסער די שטאט, און זיי זענען געגאנגען צווישן די גראז.

האט דער ראש ישיבה שליט״א געזאגט: אויבנאויף קען מען מאכן א טעות אין דעם שיחה, און מיינען אז דער רבי איז געגאנגען שפאצירן מיט זיין טאכטער, אבער אז מען קוקט גוט אריין זעט מען אז דער רבי איז נישט געגאנגען שפאצירן מיט זיין טאכטער, נאר מיט דעם מענטש פון זלאטיפאלי.

״עָנָה רַבֵּנוּ זַ״ל וְאָמַר: ״אִם הָיִיתָ זוֹכֶה לִשְׁמֹעַ אֶת קוֹל הַשִּׁירוֹת וְהַתִּשְׁבָּחוֹת שֶׁל הָעֲשָׂבִים, אֵיךְ כָּל עֵשֶׂב וְעֵשֶׂב אוֹמֵר שִׁירָה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּלִי פְּנִיָּה וּבְלִי שׁוּם מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת וְאֵינָם מְצַפִּים לְשׁוּם תַּשְׁלוּם גְּמוּל״,

האט דער רבי געזאגט: אויב דו וואלסט זוכה געווען צו הערן די געזאנג און לויב ווי יעדע גראז זינגט א געזאנג פארן אייבערשטן אן קיין שום פניה און אן קיין מחשבה זרה, ווען זיי זינגען צום אייבערשטן ווארטן זיי נישט מען זאל זיי באצאלן פאר דעם שכר, "כַּמָּה יָפֶה וְנָאֶה כְּשֶׁשּׁוֹמְעִין הַשִּׁירָה שֶׁלָּהֶם", ווי שיין און ווי גוט איז צו הערן זייער געזאנג וואס זיי זינגען צום אייבערשטן, "וְטוֹב מְאֹד בֵּינֵיהֶם לַעֲבֹד אֶת ה׳ בְּיִרְאָה. (וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז: עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט פְּרוּם צוּ זַיין צְווִישִׁין זֵייא)", עס איז זייער גוט צו זיין פרום צווישן זיי.

"אַחַר כָּךְ הָלְכוּ יוֹתֵר וּבָאוּ סָמוּךְ לְהַר אֶחָד (שֶׁקּוֹרִין מַאגִילַא) שֶׁהָיָה שָׁם סָמוּךְ לְהָעִיר וְשָׁאַל אוֹתוֹ: מַה זֹּאת, וְהֵשִׁיב לוֹ, וְסִפֵּר לוֹ עִנְיַן אוֹתוֹ הַמַּאגִילַא. וְאָמַר לוֹ שֶׁיֵּלֵךְ עִמּוֹ לְשָׁם, וְנִכְנְסוּ לְשָׁם. וּכְשֶׁנִּכְנְסוּ לְשָׁם, לֹא נִרְאוּ לַחוּץ כְּלָל כִּי הָהָר הַנַּ"ל הָיָה חָלוּל בְּתוֹכוֹ וְעָמֹק קְצָת בְּתוֹכוֹ. וְנִכְנַס לְשָׁם רַבֵּנוּ ז"ל, עִם הָאִישׁ הַנַּ"ל", דערנאך זענען זיי ווייטער געגאנגען און זענען אנגעקומען נאנט צו א בארג, דער בארג האט געהאט אינדערמיט א טיפע לאך, אז ווען מען איז אריין אין דעם לאך האט מען נישט געקענט ארויסזען אז איינער איז דארט, און דער רבי איז דארט אריין, אין דעם לאך, צוזאמען מיט דעם מענטש, "וְיָשַׁב רַבֵּנוּ זַ"ל שָׁם עַל הָאָרֶץ", און דער רבי האט זיך אראפגעזעצט אויף דער ערד, "וְלָקַח מִבֵּית יָד שֶׁלּוֹ סֵפֶר 'שַׁעֲרֵי צִיּוֹן', וְהִתְחִיל לוֹמַר וּבָכָה מְאֹד מְאֹד", און האט ארויסגענומען פון זיין בעג דעם ספר 'שערי ציון' און אנגעהויבן זאגן פון דארט מיט זייער א גרויסע געוויין. "וְהָיָה אוֹמֵר לְהַלָּן מִדַּף לְדַף וּבָכָה הַרְבֵּה מְאֹד מְאֹד בְּלִי הֶפְסֵק", דער רבי האט געזאגט א בלאט נאך בלאט און געוויינט זייער שטארק די גאנצע צייט. "וְהָאִישׁ עָמַד אֶצְלוֹ וְהֶחֱזִיק הַצּוּבֶּיךְ שֶׁלּוֹ, וְעָמַד מִשְׁתּוֹמֵם, וְרָאָה בְּכִיָּתוֹ הַגְּדוֹלָה מְאֹד. וְשָׁהָה זְמַן הַרְבֵּה בָּזֶה", און דער מענטש איז געשטאנען נעבן רבי'ן האלטנדיג דעם רבי'נס צובעך, און האט צוגעזען זיין גרויס געוויין, וואס האט זיך אויפגעהאלטן זייער

אסאך צייט.

"וְכַאֲשֶׁר פָּסַק לִבְכּוֹת", ווען דער רבי האט געענדיגט וויינען, "צִוָּה עַל הָאִישׁ הַנַּ"ל שֶׁיֵּלֵךְ וְיִסְתַּכֵּל בַּחוּץ הֵיכָן הַיּוֹם עוֹמֵד", האט דער רבי באפוילן דעם מענטש ער זאל ארויסגיין קוקן אינדרויסן וואו דער טאג האלט, "וְיָצָא וְרָאָה שֶׁכְּבָר פָּנָה הַיּוֹם וְהַשֶּׁמֶשׁ נוֹטָה לִשְׁקֹעַ", איז יענער מענטש ארויסגעגאנגען קוקן און האט געזען אז עס איז שוין באלד נאכט, "וְכָל כָּךְ הִתְמַהְמַהּ בִּבְכִיָּתוֹ קָרוֹב לְיוֹם שָׁלֵם בַּקַּיִץ בְּלִי הֶפְסֵק", אזוי לאנג האט זיך דער רבי פארזוימט מיט זיין געוויין, באלד א גאנצע זומער טאג (וואס איז גאר לאנג) אין איין צו.

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: מוהרא"ש שרייבט (רגעי מוהרא"ש, הגה אות כ) אז ער האט פרובירט צו מקיים זיין יעדע שיחה וואס ווערט געברענגט אין רבי'נס שיחות, שיחות הר"ן און חיי מוהר"ן; איינמאל אלס בחור האט ער פרובירט צו מקיים זיין דאס וואס דער רבי זאגט דא אז ער האט זיך מתבודד געווען א גאנצן זומער'דיגע טאג אין איין צו, דערפאר איז ער איינמאל, אין א זומער'דיגע טאג, זייענדיג א בחור פון זעכצן א האלב יאר, אויפגעשטאנען זייער פרי און געדאווענט שחרית, דערנאך האט ער זיך באהאלטן אין א בית המדרש וואו קיינער איז נישט דארט, און זיך אנגעהויבן מתבודד זיין מיט'ן אייבערשטן; אין אנהייב, נאך צוויי דריי שעה, האט ער געשפירט ווי ער ווערט משוגא פון אזוי לאנג רעדן צום אייבערשטן אין איין צו, ער האט געשפירט ווי ער האט מער נישט קיין כח דערצו, אבער ער האט זיך געשטארקט און ווייטער געשריגן צום אייבערשטן, ער האט אפגעמאכט 'איך בין גרייט צו שטארבן אבי צו קענען ענדיגן דעם טאג מיט התבודדות', דאס איז אים געווען אויסטערליש שווער, אבער צום סוף האט דער אייבערשטער אים געהאלפן אז ער האט צוגעענדיגט דעם פילן טאג מיט התבודדות, ער האט דערביי אסאך געוויינט צום אייבערשטן, ווען ער האט שוין

נישט געהאט וואס צו בעטן האט ער סתם איבערגעזאגט די זעלבע בקשות טויזנט מאל, און זייט דעמאלט האט ער געשפירט ווי עס האט זיך אים געעפענט א נייע וועלט אין עבודת השם, דאס האט אים אוועק גענומען אלע זאכן וואס שטערן דאס דינען דעם אייבערשטן.

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: מוהרא"ש האט דאס געקענט באווייזן איין מאל אין לעבן, רעדן צום אייבערשטן א גאנצן טאג אין איין צו, מיר קענען דאס נישט באווייזן אפילו איין מאל אויך נישט, לאמיר כאטש זען זיך צו באפלייסן צו רעדן צום אייבערשטן כאטש איין מינוט א טאג! זאג ארויס א תפלה צום אייבערשטן: "הייליגער באשעפער העלף מיר איך וויל זיין אן ערליכער איד", "הייליגער באשעפער איך וויל נישט פארגעסן פון דיר", "הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל טון דיינע מצוות מיט א חשק און שמחה". מיר זענען דאך יעצט צווישן די ביימער און גראז לאמיר כאפן א שפאציר צווישן די גראז און זיך אויסשמועסן דאס הארץ מיטן אייבערשטן.

"אַחַר כָּךְ צִוָּה לוֹ לְהוֹצִיא אֵשׁ וְעִשֵּׁן הַלּוּלְקֶע וְיָשַׁב מְעַט וְיָצְאוּ לַחוּץ", דערנאך האט דער רבי באפוילן דעם מענטש ער זאל ארויסנעמען פייער און האט אנגעצינדן דעם לולקע, און דער רבי איז אביסל געזיצן, און נאכדעם זענען זיי ארויס פונעם בארג. "וְאָמַר לוֹ: שֶׁיִּהְיֶה זְמַן שֶׁיִּהְיֶה קָשֶׁה מְאֹד לְהִתְקָרֵב אֵלָיו. אַךְ אֲנִי עַכְשָׁו בְּיֶדְכֶם. וְאַתֶּם וְרַבִּי יַעֲקֹב יוֹסֵף אִם תִּרְצוּ אֲנִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת מִכֶּם צַדִּיקִים כָּמוֹנִי בְּעַצְמִי", און דער רבי האט זיי געזאגט, אז עס וועט קומען א צייט וואס עס וועט זיין זייער שווער צו מקורב ווערן צו אים, נאר אזוי ווי יעצט בין איך ביי ענק, אויב ווילט עטץ קען איך ענק מאכן פאר צדיקים אזוי גרויס ווי איך בין.

## סימן קסד

"גַּם כְּשֶׁיָּצָא לִקְהִלַּת אוּמַאן, שֶׁהָיָה סָמוּךְ מְאֹד לְהִסְתַּלְּקוּתוֹ כְּמוֹ חֲצִי

שָׁנָה", אויך א האלבע יאר פאר'ן רבי'נס הסתלקות ווען דער רבי האט שוין געוואוינט אין אומאן, "וּכְבָר זָכָה לְמַעֲלָה עֶלְיוֹנָה שֶׁלֹּא זָכָה בָּהּ אָדָם מֵעוֹלָם כַּמְבֹאָר כְּבָר (שבחי הר"ן כה, לג)", און האט שוין זוכה געווען צו גאר גרויסע מדריגות וואס קיינער האט נאכנישט זוכה געווען, "גַּם שָׁם הָיָה לוֹ הִתְבּוֹדְדוּת הַרְבֵּה מְאֹד", האט ער אויך געמאכט גאר אסאך התבודדות מיט'ן אייבערשטן.

"וּפַעַם אַחַת נִכְנַס הַבַּעַל הַבַּיִת שֶׁדָּר רַבֵּנוּ ז"ל אֶצְלוֹ בִּשְׁכֵנוּת שָׁם בְּאוּמַאן, וְשָׁם הָיָה לְרַבֵּנוּ ז"ל חֶדֶר מְיֻחָד שֶׁהָיָה לְהַבַּעַל הַבַּיִת תְּפִיסַת יָד בּוֹ, וְנִכְנַס הַבַּעַל הַבַּיִת פִּתְאֹם לְאוֹתוֹ הַחֶדֶר", דארט וואו דער רבי האט געוואוינט אין אומאן, איז געווען איין חדר וואס נאך א בעל הבית האט געקענט ניצן, איז איינמאל יענער פלוצלינג אריינגעקומען צום רבי'ן, "וּמָצָא אֶת רַבֵּנוּ ז"ל, שֶׁהָיָה שׁוֹכֵב בְּפִשּׁוּט יָדַיִם וְרַגְלַיִם עַל הָאָרֶץ", און האט געטראפן דעם רבי'ן ליגן אויסגעשטרעקט אויפ'ן ערד וויינענדיג צום אייבערשטן. "אַף עַל פִּי שֶׁהָיָה אָז חָלוּשׁ מְאֹד מְאֹד בְּלִי שִׁעוּר, אֲשֶׁר חִיּוּתוֹ הָיָה בְּנֵס וְכִמְעַט שֶׁנִּגְוַע בְּכָל עֵת", אפילו דער רבי איז דעמאלט געווען זייער שוואך, דער רבי האט שוין ממש געלעבט אויף ניסים, אַף עַל פִּי כֵן לֹא עָזַב דַּרְכּוֹ הַטּוֹב עַל פִּי פְּשִׁיטוּת עַד הַשָּׁעָה הָאַחֲרוֹנָה שֶׁנִּסְתַּלֵּק לְמַעְלָה בְּשָׁלוֹם", פון דעסט וועגן האט ער נישט אפגעלאזט זיין פשוט'ער וועג פון התבודדות, ביז די לעצטע שעה ווען ער איז שוין נסתלק געווארן צום אייבערשטן בשלום. "אַשְׁרֵי לוֹ", וואויל איז צו אים.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן ווען מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.